צענטראַלע ייִדישע היסטאָרישע קאָמיסיע

ביים צענטראַל־קאָמיטעט פון פּוילישע ייִדן

ביולעטין
№ 3

וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דער רינגעלבלום־אַרכיוו?

עס איז נאָך פריצייטיק אַרומצורעדן דאָס אַלץ, וואָס ס׳פאַרמאָגט דער אַרכיוו, וואָס איז נישט לאַנג אויסגעגראָבן געוואָרן פון אונטער די חורבות פון וואַרשעווער געטאָ און וואָס איז פאַרבונדן מיטן נאָמען פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום. בסך הכל זיינען לעת־עתה אויסגעפונען געוואָרן צוויי קעסטלעך, וואָס בילדן — לויט ווי ס׳איז זיך משער — מער ווייניקער אַ פערטל פון דעם, וואָס איז פאַרגראָבן געוואָרן אויף צוויי ערטער: נאַוואָליפּקי 68 (סוף 1942) און אויף שווינטאָיערסקאַ 34 (פעברואַר־אַפּריל חודש 1943). כדי צו פאַרהיטן דעם מאַטעריאַל פון פאַרניכטונג, איז ער פאַרבאַהאַלטן געוואָרן אין בלעכענע קעסטלעך; אָבער פונדעסטוועגן איז ער טיילווייז באַשעדיקט געוואָרן צוליב דעם, וואָס די דעקלעך פון די קעסטלעך זיינען נישט געווען פולשטענדיק צוגעפּאַסט, און עס האָט זיך אין זיי אַריינבאַקומען וואַסער. טייל דאָקומענטן זיינען דעריבער צעשעדיקט. דער מאַטעריאַל מוז דעריבער פאַרזיכטיק אַרויסגענומען ווערן, ער דאַרף זיך טריקענען, די פאַרפוילטע און באַזעצטע מיט שוואָמען־טיילן באַזייטיקט ווערן און ערשט נאָך דעם קאָן מען זיך מיט דעם מאַטעריאַל נענטער באַקענען, אינווענטאַריזירן און ווי געהעריק פאַרקאַטאַלאָגירן — אָבער שוין פון דעם, וואָס איז אונז צוטריטלעך, איז צו זען, אַז די מאַטעריאַלן האָבן פאַר אונז אַן אומגעהויער גרויסן ווערט. זיי דערגאַנצן אין אַ גרויסער מאָס דעם אַרכיוו, וועלכן ס׳האָט אָנגעזאַמלט ביז איצט די צ. יי. ה. ק.

אויב אונזערע מאַטעריאַלן באַשטייען דער עיקר פון דייטשע דאָקומענטן, וואָס איז געלונגען אונז צו פאַרכאַפּן, נאָך דעם ווי די דייטשע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אין בהלה פאַרלאָזן זייערע אַמטן און נישט באַוויזן צו פאַרניכטן זייערע קאַנצעלאַריע־אַרכיוון, און אין אַ קלענערער מאָס געפינען זיך ביי אונז מאַטעריאַלן פון יידישע מקורים, איז דער רינגעלבלום־אַרכיוו קודם כל אַ זאַמלונג פון יידישע מאַטעריאַלן — גבית־עדות, רעפּאָרטאַזשן, פּראָטאָקאָלן פון זיצונגען פון פאַרשידענע אינסטיטוציעס א. אַז. וו. דאָס הייסט נישט, אַז עס טרעפן זיך נישט דאָ און דאָרט אַ דייטשער דאָקומענט, ווי למשל, אַ פּלאַקאַט אַרויסגעגעבן פון וואַרשעווער קרייז־הויפּטמאַן, צי אַ קענקאַרטע, אָדער אַ בריוו געשריבן פון אַ דייטשן מאַכט־אָרגאַן צום יודן־ראַט, צי צו פּריוואַטע פּערזאָנען. און אויב עס איז די אָרגאַניזאַטאָרן פון אַרכיוו נישט געלונגען צו באַקומען דעם אָריגינאַל פון דאָקומענט, האָבן זיי זיך באַמיט לכל־הפּחות צו מאַכן פון אים אַן אָפּשריפט, טיילמאָל אַפילו מיט יידישע אותיות.

און נאָך צוליב איין פּרט זיינען די דאָזיקע דאָקומענטן גאָר חשוב ביי אונז. זיי זיינען נוגע די ערשטע יאָרן פון אָקופּאַציע, דעם יאָר 1939—1940. זיי באַשרייבן די ערשטע גזירות פון דער דייטשער מאַכט; זאַכן, וועלכע זעען אונז היינט אויס — פון דער פּערספּעקטיוו פון פולשטענדיקער ליקווידאַציע פון פּוילישן יידנטום — קליינלעכע, און ממילא האָבן מיר זיי געשאָנקען ווייניקער אויפמערקזאַמקייט. איבעריקנס זיינען אין סרוב פאַלן נישט דערגאַנגען צו אונז קיין שפּורן פון דעם געשעענעם: נישט קיין עדות, נישט קיין מאַטעריאַלע באַווייזן. — אין יענער צייט אָבער, ווען ד״ר רינגעלבלום איז צוגעטרעטן צו זאַמלען די מאַטעריאַלן, האָבן דווקא די „קלייניקייטן" אַרויסגערופן גרויס עמפּערונג און גרימצאָרן און מען האָט זיך אויף זיי — ווי אויף אומגלויבלעכע „ערשיינונגען" — באַריכות אָפּגעשטעלט. זיי האָבן ערשט געגעבן אַ פאָרגעפיל פון דעם, וואָס וועט געשען...

אַן אַנדער רייך געביט, וואָס איז פאַרטרעטן אין דעם אַרכיוו, דאָס איז די שיינע ליטעראַטור. איז דאָך וואַרשע געווען דאָס זיץ־אָרט פון יידישן ליטעראַטן־פאַריין, פון אַ גאַנצער ריי יידישע טאָג־צייטונגען און צייטשריפטן און פון אַ גרויסער צאָל שרייבער, וואָס האָבן נישט באַוויזן אויסצומיידן די דייטשע אָקופּאַציע. געפינען מיר דאָ דעריבער אי לידער, אי פּראָזע־שאַפונגען, אי וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען. עס פעלן אויך נישט אַפילו קיין דראַמעס, געשריבענע אין יידיש אָדער אין העברעיש.

אַן אַנדער געביט, וואָס איז פאַר אונז זייער וויכטיק, דאָס איז די גרויסע צאָל אומלעגאַלע פּוילישע אויסגאַבן אַרויסגעגעבענע אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, פאַרשידענע צייטשריפטן, אויפרופן, אַרויסגעגעבענע דורך באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס און פּאַרטייען. זאַכן, וואָס זיינען צו אונז, צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות, נישט דערגאַנגען. צוליב דעם קאָן האָבן דער אַרכיוו אַ באַדייטונג אויך פאַר דער אַלגעמיין פּוילישער געשיכטע־פאָרשונג.

פאַר אונז האָבן אָבער דעם גרעסטן ווערט די העקטאָגראַפירטע אויסגאַבן פון יידישע פּאַרטייען, געשריבענע אין פאַרשידענע שפּראַכן: יידיש, פּויליש, העברעיש. מיר געפינען דאָ אי די פּעריאָדישע אויסגאַבן, וועלכע מיר האָבן געקענט נאָר פון הערן, ווי אויך איינמאָליקע, געדרוקטע אָדער געשריבענע אויף אַ שרייב־מאַשין, צווישן זיי אויפרופן, מודעות און אַפילו רעקלאַמע־צעטלען.

די קוואַלן צו דער געשיכטע פון וואַרשע, וואָס זיינען ביז איצט געווען פאַר אונז אינגאַנצן פאַרהוילן, האָבן זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט. מיר האָבן באַקומען מאַטעריאַלן, וואָס וועט דערמעגלעכן צוצוטרעטן צום שרייבן די געשיכטע פון וואַרשעווער געטאָ. אָבער נישט נאָר וועגן וואַרשעווער געטאָ געפינען מיר דאָ מאַטעריאַל. מיר האָבן דאָ אויך גבית־עדות פון מענטשן, וואָס זיינען געקומען פון דער ווייטער פּראָווינץ, באַריכטן פון דעלעגאַטן, וואָס האָבן באַזוכט אַרבעטס־לאַגערן, שטעט און שטעטלעך, אין וועלכע מען האָט נאָך געקאָנט אין דער ערשטער צייט אָנקומען.

וואָס פאַרא אַרבעט וואַרט אונז קודם כל אין דעם מאָמענט? מען מוז קודם אַדורכפירן אויפן בעסטן אופן די קאָנסערוואַציע־אַרבעט. עס מוז אַלץ אָנגעווענדעט ווערן, כדי אָפּצוהיטן אַ יעדעס בלעטל, איטלעכס שטיקל שמות. דערנאָך מוז דער גאַנצער מאַטעריאַל קאַטאַלאָגירט און ווי אַמשנעלסטן פאַרעפנטלעכט ווערן. זאָל די וועלט האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַקענען זיך מיטן אַרכיוו. און מיט דער צייט וועט אויך קומען דער מאָמענט, ווען מען וועט אָנהייבן צו ביסלעך פאַרעפנטלעכן באַזונדערע אויסגאַבן פון דער סעריע „מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פון אַרכיוו פון ד״ר רינגעלבלום".

נ. ב.

ד״ר עמנואל רינגעלבלום

(ביאָגראַפישע נאָטיצן)

ד״ר עמנואל רינגעלבלום, וואָס איז דעם 7־טן מערץ 1944 דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן, איז געבוירן געוואָרן אינעם יאָר 1900 אין בוטשאַטש, מזרח־גאַליציע. דער פאָטער זיינער איז געווען נישט בלויז אַ סוחר, נאָר אויך אַ ייד, אַ יודע־ספר, אַ משכיל. זיינע קינדער — ובתוכם אויך עמנואלן, האָט ער געשיקט סיי אין גימנאַזיע, סיי אין חדר.

די גימנאַזיע האָט רינגעלבלום געענדיקט אין 1919 אין ניי־סאַנדז.

אין 1919 ווערט עמנואל רינגעלבלום אַ סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערזיטעט. פון זיינע שווער־האַרעווענדיקע עלטערן קאָן ער גאָרנישט פאַרלאַנגען. פאַרקערט, ביי רינגעלבלומען איז דער דראַנג צו העכערער בילדונג געוואַלדיק שטאַרק. זיין הונגער צו דער וויסנשאַפט איז ביי אים שטאַרקער ווי דער פיזישער הונגער. מיט גרויס עקשנות איז ער, אין משך פון יאָרן גיבר אַלע שוועריקייטן און שלאָגט זיך דורך אַ וועג ביז ער דערגרייכט דעם ציל. ער באַזוכט דעם אוניווערזיטעט, וווּ ער שטודירט עקאָנאָמיע, סאָציאָלאָגיע און געשיכטע. אין די אָוונט־שעהן איז ער אַ לערער אין די אָוונט־שולן פון דער „געזעלשאַפט אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער", וווּ די פאַרדינסטן זיינען זייער קליינע.

אין יענע יאָרן — אין די יאָרן 1920־1927 — געהערט ער גלייכצייטיק צום צענטראַל־קאָמיטעט פונם פּועלי־ציוניסטישן יוגנטלעכן אַרבעטער־פאַרבאַנד „יוגנט" אין פּוילן און ער אַרבעט מיט פּובליציסטיש אין די זשורנאַלן פון דעם דאָזיקן פאַרבאַנד: „די פרייע יוגנט", „דער יונגער דור" און נאַשע האַסלאַ („אונזערע לאָזונגען").

צו דערזעלבער צייט איז רינגעלבלום אַקטיוו געזעלשאַפטלעך אין די אַקאַדעמישע קרייזן. ער איז טעטיק, סיי אינעם פּועלי־ציוניסטישן אַקאַדעמישן קרייז „יוגנט", סיי אינעם אַלגעמיינעם „אַקאַדעמישן פאַרבאַנד" פון דער שטודירנדיקער יוגנט.

אין 1927 האָט רינגעלבלום צוגעשטעלט זיין דיסערטאַציע: „די געשיכטע פון די יידן אין וואַרשע ביז צום גירוש פון יאָר 1527". פאַר אָט דער אַרבעט האָט רינגעלבלום באַקומען דעם דאָקטאָר־טיטל.

אין יאָר 1932 האָט די „וואַרשעווער אָפּטיילונג פון דער פּוילישער היסטאָריקער־געזעלשאַפט", אַרויסגעגעבן רינגעלבלומס אויבנדערמאָנטן ערשטלינג־ווערק.

מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1933, האָט דער „יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט" אין ווילנע („ייוואָ"), אַרויסגעגעבן אין יידיש זיינס אַ צווייטע וויכטיקע אַרבעט: „צו דער געשיכטע פונם יידישן דרוק־און בוך־וועזן אין פּוילן, אינעם 18־טן יאָרהונדערט".

אין 1934 ווידער, האָט דער „אינסטיטוט פאַר די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגן" אַרויסגעלאָזט זיינס אַ בוך אין פּויליש, אין וועלכן רינגעלבלום האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצופאָרשן „די פּראָיעקטן און פּרוּוון אומצושיכטן די יידן אין פּוילן אין דער עפּאָכע פון קעניג סטאַניסלאַוו".

דאָס פערטע ווערק זיינס איז דערשינען אין „ייוואָ", אינעם יאָר 1937. דאָס איז אַ גרינטלעכע אויספאָרשונג וועגן די „יידן אין פּוילן אינעם קאָשטשיושקאָ־אויפשטאַנד פון יאָר 1794".

אחוץ דעם שרייבט רינגעלבלום נאָך אַ גאַנצע ריי היסטאָרישע אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען אין פאַרשידענע יידישע און פּוילישע צייטשריפטן.

צום סוף דאַרף אויך דערמאָנט ווערן די ביז גאָר אינטערעסאַנטע היסטאָרישע אַרבעט „מקורים צו דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן און אין מזרח־אייראָפּע", וואָס ער האָט געשריבן בשותפות מיט זיין פריינט און פּען־קאָלעגע — מיטן היסטאָריקער ד״ר רפאל מאַהלער. פון די דאָזיקע מקורים זיינען דערשינען 2 העפטן (וועגן מיטלאַלטער): אין יידיש — אַרויסגעגעבן פון דער „קולטור־ליגע" אין 1930 און אין פּויליש — אַרויסגעגעבן אינעם פאַרלאַג פון י. מ. פרייד, וואַרשע.

אחוץ זיין אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט זיך רינגעלבלום אויך פאַרנומען מיט אָרגאַניזירן די יידישע היסטאָרישע וויסנשאַפט אין פּוילן. צוזאַמען מיט ד״ר ר. מאַהלער גרינדעט ער דעם „קרייז פון יונגע יידישע היסטאָריקער", צו וועלכן עס געהערן אַ גאַנצע ריי פון יונגע געלערנטע: מאַגיסטער י. טרונק, ד״ר ל. צאַמבער, מגר. מנחם לינדער, ד״ר פּ. פרידמאַן פון לאָדזש און אַנדערע. דער קרייז גיט אַרויס זיינע אייגענע „שריפטן", אין וועלכע רינגעלבלום פאַרעפנטלעכט פון צייט־צו־צייט זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן.

די גרויסע אַרבעט

פון רינגעלבלום דאַרף ווייטער פאָרגעזעצט ווערן

דער רינגעלבלום־אַרכיוו איז ענדלעך אויסגעגראָבן געוואָרן. געווינלעך ווערן אויסגראָבונגען אויפגענומען מיט פרייד. אונזער אויסגראָבונג קאָן ביי אונז קיין פרייד נישט אַרויסרופן, נישט קיין דאָקומענטן פון אַ פאַרגאַנגענער עפּאָכע, וועלכע די צייט האָט פאַרהילט מיט איר ראָמאַנטישן שלייער, האָבן מיר אַרויסגענומען פון דער ערד, נאָר מיר האָבן אויפגעעפנט אַ בלוטנדיקע, נאָך פרישע וווּנד.

רינגעלבלום און אַרום אים אַ גאַנצע גרופּע יידישע היסטאָריקער, ליטעראַטן, קינסטלער האָבן געזען דעם יידישן אומקום. זיי האָבן געזען, אַז דער גרויזאַמער שונא האָט זיך פאַרמאָסטן נישט נאָר־אויפן לעבן פון יידישן יחיד, נאָר אויפן גאַנצן יידנטום.

און אין שאָטן פון טויט, אין פּייַנלעכן מאָמענט פון אייגענעם אומקום האָבן זיי געדענקט וועגן די, וואָס וועלן פאָרט בלייבן לעבן און וועלן דאַרפן פון דער יידישער טראַגעדיע לערנען און לערנען... וויפל גייסטיקע שטאַרקייט האָט מען געדאַרפט באַזיצן, כדי צו גלויבן, אַז עס וועט ווייטער זיין אַ יידיש לעבן, אַז יידישע געלערנטע וועלן־קומען און זיך אינטערעסירן מיט אָט די קעסטלעך באַהאַלטענע אין דער ערד, וועלכע שפּיגלען אָפּ די מאַרטיראָלאָגיע פון אַ שוצלאָזן פאָלק.

די דאָזיקע אינטענץ פון דעם מאַרטירער רינגעלבלום און פון די, וואָס זיינען געווען זיינע געטרייע מיטאַרבעטער, איז אונז צו עפּעס מחייב. עס איז אונזער הייליקע פליכט פאָרצוזעצן די אַרבעט, וועלכע עס האָט אין יענער פינצטערער געטאָ־צייט אָנגעהויבן רינגעלבלום. די אַרבעט פון נישט לאָזן פאַרלוירן גיין קיין איינציקן פּרט פון דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט איבערגעלעבט. אַלע מאַטעריאַלן, אַפילו די קלענסטע, וועלכע האָבן אַ שייכות מיטן לעבן פון יידן בעת דער דייטשער אָקופּאַציע מוזן וואָרצאַם געזאַמלט און אָפּגעהיט ווערן. דאָס איינציקע אָרט, ווו די אַלע געטאָ־מאַטעריאַלן קאָנען קאָנצענטרירט ווערן, דאָס איז די צענטראַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע. דאָ ווערט ווייטער געטאָן די אַרבעט, וועלכע עס האָט אָנגעהויבן רינגעלבלום.

עס איז דער חוב פון יעדן איינציקן מיטצוטיילן אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע וועגן געטאָ־דאָקומענטן, וועלכע געפינען זיך ביי פּריוואַט־פּערזאָנען, אין שטאַט־פאַרוואַלטונגס־אינסטיטוציעס א. ד. גל. די אָרגאַניזירטע „לאַנדסמאַנשאַפטן" דאַרפן זיך ספּעציעל פאַרנעמען מיט פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זייערע אומגעקומענע קהלות, דורך זאַמלען מאַטעריאַלן און גבית־עדות פון די שטעט און שטעטלעך, וועלכע זיי פאַרטרעטן.

דורך דעם וועלן מיר ציען דעם המשך פון דער גרויסער רינגעלבלום־אַרבעט, וועלכע איז געפירט געוואָרן מיט גרויס מסירת נפש אין שאָטן פון טויט.

אוו. י.

וויסנשאַפטלעכע זיצונגען פון דער צענטר. ייד. היסטאָרישער קאָמיסיע

די צענטראַלע יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע אָרדנט לעצטנס איין וויסנשאַפטלעכע זיצונגען פון אירע מיטאַרבעטער. אויף די זיצונגען ווערן רעפערירט און אַרומגערעדט די דערשינענע ביכער, ווי אויך פאַרשידענע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער אַרבעט פון צ. יי. ה. ק.

אויף דער ערשטער זיצונג האָט ח׳ אַדוו. מאַסיענזשניק רעפערירט די אַרבעט פון מגר. שטערנפינקעל „די אויסראָטונג פון די סאָסנאָווצער יידן". ח׳ טרונק האָט באַהאַנדלט דאָס בוך פון ג. טאַפּעט „די אויסראָטונג פון די זשולקעווער יידן". אין דער דיסקוסיע נאָך די רעפעראַטן האָבן זיך באַטייליקט די ח״ח: בלומענטאַל, קערמיש, אייזנבאַך, יאַסני, ראָזענבערג, בעסלער, ראַיאַק, מירסקאַ, דאַבראַצקאַ און רעד. פּינכאַסיק.

עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די ביידע ביכער האָבן באַרייכערט די אַרבעט פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע, דאָך זיינען אין זיי פאַראַן געוויסע בלויזן, וועלכע שוואַכן אָפּ זייער ווערט אַלס וויסנשאַפטלעכע ווערק. למשל: אין בוך וועגן סאָסנאָוויעץ פעלט אַ באַשרייבונג פון קולטור־לעבן, ידיעות וועגן מעדיגען א. אַז. וו.

די צווייטע זיצונג איז געווידמעט געווען דער אַרבעט פון ב״ב י. קערמיש, „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ". אַ רעפעראַט וועגן דעם בוך האָט געליינט ח׳ יאַסני. אין דער דיסקוסיע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט די ח״ח: בלומענטאַל, אייזנבאַך, ראַיאַק, שעפּטעל, פּרוי מירסקי, אַלטמאַן, טרונק, אַדוו. מאַסיענזשניק און רעד. פּינכאַסיק. דער רעפערענט ווי אויך די דיסקוטאַנטן האָבן אונטערגעשטראָכן דעם גרויסן ווערט פון בוך אַלס באַדייטנדיקער צושטייער צו דער געשיכטע־פאָרשונג פון העלדישן און גלייכצייטיק טראַגישן געטאָ־אויפשטאַנד. ס׳איז דערביי אויך אָנגעוויזן געוואָרן אויף געוויסע פעלערן, ווי למשל: עס פעלט אַ גענויע באַשרייבונג פון פּאָליטישן הינטערגרונט פון אויפשטאַנד, אינפאָרמאַציעס וועגן דער סטראַטעגיק פון די געטאָ־קעמפער. אַ באַשרייבונג וועגן דער טעטיקייט פון די באַזונדערע קאַמפס־גרופּן ביים אויפשטאַנד א. אַז. וו.

צום סוף האָט וועגן בוך גערעדט דער מחבר אַליין, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט, אַז זיין בוך איז נישט מער ווי אַ שטאַפּל צו אַ מאָנאָגראַפיע צום אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ. אַן אַרבעט, צו וועלכער ער טרעט איצט צו.